און דאס איז דער הכנה פאר מ"ת וואס ב' סיון איז א טאג פאר די שלושת ימי ההגבלה, דארף ער דאך וויסן אין וואס ער דארף זיך צוגרייטן אויף קבלת התורה זאגט מען איהם מיט א טאג פריער אז פאר מ"ת דארף זיין די עבודה פון ממלכת כהנים שרים בכל דרכיך און דוקא דורכדעם קען זיין תורה למטה כנ"ל, און דערפאר ברענגט דער אלטער רבי אין שו"ע נאר ממלכת כהנים און שפעטער מיט "וגו'" ווארום פאר מ"ת דארף זיין בלויז ממלכת כהנים, און שפעטער קומט ער צו, צו גוי קדוש כהונה כפשוטו, און דורך די הכנה למ"ת באופן כזה נעמט ער תורה במח' דבור ומעשה ע"מ ללמוד ללמד לשמור ולעשות ולקיים וכו'.

ג. מאמר עה"פ והי' מספר בנ"י.

ד. מ'האט דאך פריער גערעדט (בהמאמר) וועגן ענין המספר, אז מ'דארף ממשיך זיין העכער פון מספר לא ימד ולא יספר אין מספר גופא, משא"כ ענין מ"ת נעמט זיך דוקא ע"י המספר, וואס דערפאר קומט פ' במדבר אלס א הכנה אויף מ"ת, וואס מען לייענט איר שטענדיק פאר מ"ת, ועיקר ענין ספר במדבר איז ענין המספר וואס דערפאר ווערט ער אנגערופן חומש הפקודים, וואס בהתחלתו ובסיומו רעדט זיך וועגן ענין המספר.

כאטש אז ענין המספר איז דאך לכאורה א ענין של חסרון, ווארום דארטן ווערט יעדערער בארעכנט ניט מער ווי איינער, קען דאך אבער זיין אז איינער אליין זאל זיין שקול כנגד כל העולם, ביז נאך מערער: ווי עס שטייט אין רמב"ם אז מכריע את כל העולם כולו לכף זכות, ד.ה. ער פועל'ט אויך אין דעם טייל פון וועלט וועלכער איז ניט קדושה, אז אפילו דארט קען ער אויך אויפטאן.

וואס דערפאר שטייט ביי מ"ת ונפל ממנו "רב" וואס דא מיינט מען אפילו איינער (שמות יט, כא וברש"י שם. המעתיק) ד.ה. אז אפילו איינער קען אויך זיין רב, אזוי ווי די גאנצע וועלט, און דערפאר האט מ"ת געקאנט זיין דוקא בשעת עס איז געווען ששים רבוא ישראל, אויב עס וואלט געפעלט איינער וואלט ח"ו ניט געווען קיין מ"ת, און ווי גערעדט אמאל, אז צווישען יענע, איז אויך געווען דער פון פסל מיכה, און פונדעסטוועגן אויב ער וואלט געפעלט וואלט מ"ת ניט געקענט זיין, ויבאלד אז יעדער איינער, יהי' מי שיהי', קען זיין בל"ג, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז ענין המספר איז ניט לחסרון, נאר אדרבה למעליותא, און ווי רש"י זאגט אז דאס איז מתוך חבתן מונה אותם כל שעה.

און דערפאר וויבאלד אז ענין המספר איז למעליותא, ווערט שווער פארוואס אך את מטה לוי לא תפקוד, לכאורה דארט איז דאך ענין החביבות ביותר האט דאך ביי זיי זיכער געדארפט זיין ענין המספר.

וואס אויף דעם שטעלט זיך רש"י (א, מט) און רש"י קומט דאס פארענטפערן בב' פירושים, א) ווייל כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו, ב) צפה הקב"ה אז ס'וועט זיין א גזירה על כל הנמנים מבן עשרים שנה ומעלה, שימותו במדבר מצד ענין המרגלים, אמר אל יהיו אלו בכלל, ווייל זיי זיינען שלי שלא טעו בעגל. ע"כ פירש"י.

אעפ"י אז עס זיינען דאך דא כמה וכמה מצוות וואס רש"י שטעלט זיך אויף זיי ניט אפ אין פשוטו של מקרא, ע"ד חוקים ווי כלאים כו', ובפרט משפטים ע"ד כבוד אב ואם, וואס אין דעם ווערט דאך מבואר בספרים הטעם שבזה, פונדעסטוועגן שטעלט זיך רש"י ניט אפ, דוקא דא באנוויטיגט זיך רש"י און מוז זיך אפשטעלן מסביר זיין דעם טעם פארוואס מטה לוי לא תפקוד?

ווארום דא איז גלייך שווער אין פשוטו של מקרא, רש"י האט אליין פריער אויסגעטייטשט אז ... הענין נעמט זיך מצד להודיע חבתן, ובמילא האט דאך ביי בני לוי זיכער געדארפט זיין אט דער ענין פון להודיע חבתן, און פארוואס את מטה לוי לא תפקוד?

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

און דערפאר מוז רש"י ברענגען די טעמים בזה כנ"ל.

דא ווערט גלייך ניט פארשטאנדיק:

א) אט די צוויי פירושים וועלכע רש"י ברענגט זיינען ניט נאר צוויי באזונדערע פירושים, נאר איינער איז סותר והיפוך דעם צווייטען, ווייל לויט דעם ערשטען פשט קומט אויס אז די מטה לוי זיינען יא געציילט געווארען, נאר ס'איז געווען באופן "להיות נמנים לבדם" ניט מיט אלעמען, משא"כ לויטן צווייטען פשט קומט אויס אז מ'האט זיי בכלל ניט געציילט, ווייל אויב יע, וואלטן זיי דאך געווען אין די גזירת המרגלים?

ב) און וויבאלד אז לויטן ערשטן פשט קומט אויס אז זיי זיינען געציילט געווארען באזונדער האט דאך רש"י דאס געדארפט ברענגען על סיום הכתוב וואס דארטן שטייט ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל, און דער משמעות איז אז באזונדער האט מען זיי יא געדארפט ציילען, אבער ניט ברענגען דאס אויף התחלת הפסוק לא תפקוד?

ג) און אויב רש"י איז געווען שווער אויך דעם התחלת הפסוק פארוואס לא תפקוד, האט ער דאך לכה"פ געדארפט ברענגען אויך דעם סיום הכתוב, אדער עכ"פ דאס מרמז זיין מיט "וגו'"?

ד) און אפילו מיט דעם וואס ער שטעלט זיך בלויז אויף התחלת הפסוק, האט ער דאך געדארפט פריער ברענגען דעם צווייטען פשט - אז זיי זיינען בכלל ניט געציילט געווארען - מתאים צו משמעות הפסוק פון לא תפקוד, און ערשט דערנאך ברענגען דעם צווייטען פשט?

ה) נאך שטארקער ווערט די קשיא:

ווי די מדפיסים צייכענען צו אז דאס נעמט רש"י פון מדרש, וואס אין מדרש ברענגט ער ביידע ענינים און משל למלך שהיו לו כמה לגיונות, ואמר כדאי הוא לגיון של מלך כו', און דארטן ברענגט זיך פריער דעם צווייטען פשט מצד ענין המרגלים, האט דאך רש"י זיכער געדארפט ברענגען אין דעם סדר?

ו) וואס זאגט רש"י "והם שלי שלא טעו בעגל" לכאורה האט ער דאך שוין פריער געזאגט אז זיי זיינען לגיון של מלך, איז פארוואס איז דאס אליין ניט מספיק אויף ענין המרגלים אז דערפאר האט דער אויבערשטער ניט געוואלט מ'זאל זיי ציילען?

מען קען ניט זאגן אז דאס גופא איז דער טעם מיט וואס זיי זיינען לגיון של מלך שלא טעו בעגל, ווייל אויב אזוי האט דאך רש"י דאס געדארפט ברענגען בההתחלה גלייך בשעת ער ברענגט לגיון של מלך און זאגן אז דאס איז מצד שלא טעו בעגל?

מוז מען דאך זאגן, אז דאס איז צוויי באזונדערע ענינים, איין ענין איז לגיון של מלך, און א צווייטער ענין והם שלי שלא טעו בעגל, איז אויפן ערשטן ענין אז ס'זאל זיין נמנין לבדן איז מספיק דער ענין פון לגיון של מלך, משא"כ אויפן צווייטער ענין פארוואס זיי זיינען ניט ארייננגעגאנגען אין גזירת המרגלים, איז דאס ניט מספיק און מ'דארף צוקומען צו א ענין נוסף: שלא טעו בעגל, שלי הם.

ז) פארוואס דארף רש"י אראפברענגען צוויי פירושים, און איז זיך ניט מסתפק מיט איינעם אליין, לכאורה פארוואס איז דער ערשטער פשט אליין ניט גענוג, און אויב מ'מוז האבן דעם צווייטען פשט, פארוואס איז ער אליין ניט מספיק?

מוז מען דאך זאגען אז אין פשוטו של מקרא מוז מען דא האבן ביידע ענינים, און פונדעסטוועגן, ברענגט רש"י דעם פשט פון לגיון של מלך דעם ערשטן, ווייל ער איז יותר קרוב אל הפשט, כאטש לכאורה קומט גאר אויס פארקערט כנ"ל, אז אין פשטות הפסוק שטייט לא תפקוד, ווי דעם צווייטן פשט, ניט אז נמנין לבדם.

דער ביאור אין דעם איז:

לכאורה איז דא שווער אין פשש"מ, ווי קען מען זאגן לא תפקוד, בשעת מ'געפינט

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

דאך ווייטער כמה פעמים אז מ'האט די לויים יא געציילט?

נאר דא אין דעם פסוק קען מען איינלערנען בשני אופנים: א) אז דאס וואס עס שטייט לא תפקוד און גלייך דערנאך שטייט לא תשא "בתוך בנ"י", אבער זיי אליין האט מען יא געציילט, איז דאס באופן של כלל ופרט, וואס מ'געפינט דאך אזוי כמה וכמה פעמים אין פשש"מ אז פריער זאגט די תורה באופן כללי, און דערנאך טייטשט די תורה אויס בפרטיות, ע"ד ווי לגבי א קרבן, וואס פריער זאגט די תורה בכללות ענין הקרבן און דערנאך ווערט אויסגעטייטשט די פרטים שבזה וואס א קרבן איז וכו' וכו', ועד"ז י"ל כאן, אז אט דאס וואס ס'שטייט לא תפקוד מיינט מען באופן כללי, און דערנאך טייטשט די תורה אויס בפרטיות אז מ'מיינט בלויז בתוך בנ"י, אבער זיי באזונדער דארף מען יא ציילען.

אז דאס וואס ס'שטייט לא תפקוד מיינט לפי האמת אז ביי זיי איז טאקע ניטא ענין דתפקוד, כאטש אין די ווייטערדיקע פסוקים שטייט דאך אז מ'האט זיי יא געציילט, הייסט דאס גאר ניט א ענין של תפקוד, נאר דאס איז אינגאנצן אנאנדער ענין, ע"ד ווי דא איז געוועז מבן עשרים, משא"כ דארטן מבן חודש, אדער מבן שלשים וכו'.

מיט וואס באשטייט דער חילוק פון דער מנין של בנ"י ביז מנין הלויים? (אז די מנין ישראל ווערט אנגערופן תפקוד, און די לויים תשא?)

וועט מען דאס פארשטיין ווי בפשטות ענין הפקידה אין פשוטו של מקרא, און ווי עס קומט אויס אין פירש"י, אז דאס איז ע"י בקע לגלגלת, דורך די שקלים, און ווי עס שטייט לבית אבותם לגלגלותם, ע"ד השקלים.

משא"כ די מספר הלויים איז ניט געוועז באופן זה, נאר ווי עס שטייט (רש"י ג, טז. המעתיק) אז משה האט געפרעגט ווי וועט ער קענען וויסן די צאהל פון די קינדער מבן חודש, איז ער געגאנגען על פתח פון יעדן אוהל, און עס פלעגט ארויסגיין א בת-קול, זאגענדיק וויפל קינדער עס זיינען דא אין דעם אוהל, ובמילא איז מובן אז דאס איז ניט געוועז ע"ד פקידת בנ"י, נאר אין א אופן של תשא דורכן ב"ק, ס'איז מער ניט אז משה האט געדארפט מאכן דעם סך-הכל פון אלע צעזאמען, און דאס איז דער טייטש אין פסוק לא תפקוד אז ביי די לוויים איז אינגאנצן ניט געוועז אט דער ענין, עס איז געוועז אינגאנצן אנאנדער אופן מספר ניט ווי עס קומט אויס לויטן ערשטן אופן אז ביי זיי איז יע געוועז ענין הפקידה.

ובמילא איז דאך מובן אז דא קען מען איינלערנען בב' אופנים, צי די לויים האבן יע געהאט א פקידה, צי ניט.

און דאס זיינען די צוויי פירושים אין רש"י, דער ערשטן פשט וועלכער זאגט אז די לוויים האט מען יע געציילט אזוי ווי אלע אידן, ס'איז בלויז מער ניט אז ס'איז געוועזן לבדם, האלט ווי דער ערשטער אופן ווי מען קען איינלערנען אין פסוק כנ"ל, משא"כ דעם צווייטען פשט אין רש"י - אז די לוויים האבן בכלל ניט געהאט א מספר - ע"ד ווי אלע אידן כנ"ל נאר גאר א באזונדערער ענין - האלט ווי דעם צווייטן אופן הנ"ל.

עפי"ז ווערט אבער שווערער: דעם אויבערדערמאנטע קשיא, אז רש"י האט זיכער געדארפט פריער ברענגען דעם צווייטען פשט, וויבאלד אז ער קומט דאך אלס א אפטייטש פון לא תפקוד, משא"כ דעם ערשטן פשט קומט אפטייטשן דעם סיום הפסוק "בתוך בנ"י" (וואס דאס קומט אויסטייטשן דעם לא תפקוד)?

און דא קומט רש"י און זאגט אין ערשטן פשט אז פארוואס זיינען זיי ווערט זיי זאלן זיין נמנין לבדם, ווייל זיי זיינען לגיון של מלך, וואס דער אפטייטש פון לגיון איז אנשי חיל, און זיי פירן אדורך אלע פעולות של המלך, וואס דאס איז אויך דא אין גמרא, ביז אז דער ווארט איז אויך אין די אנדערע לשונות, ועד"ז אין ענגליש "לידשיאן", וואס דאס נעמט זיך פון דעם ווארט לגיון, נאר אזוי ווי אלע ענינים (במדינה זו) אז אלץ דארף זיין פארקערט, האבן זיי איבערגעדרייט פון לגיון לידשיאן, וואס אלע אידן ווערן אנגערופן לגיון פון דעם אויבערשטן, און

הנחה פרטית בלתי מוגה

דערפאר האט מען זיי געצייילט להודיע חבתן, נאר שבט לוי ווערט אנגערופן לגיון של מלך, און דערפאר זיינען זיי כדאי להיות נמנין לבדם.

דאס איז אלץ לויטן ערשטן פשט, משא"כ נאכן צווייטען פשט, איז ניט מספיק דער ענין פון לגיון של מלך אז מצד דעם אליין זאלן זיי גראטעוועט ווערן פון גזירת המרגלים, נאר מ'מוז צוקומען צו שלי הם שלא חטאו בעגל.

ווארום לכאורה איז דאך שווער: השופט כל הארץ לא יעשה משפט, ווארום אויך די בני לוי זיינען דאך געווען אין די גזירת המרגלים, פון ויבכו העם בלילה ההוא, און מצד דעם איז געווארען א בכי' לדורות, ענין הגלות, און ביי זיי אליין דעם ניט אריינגיין אין ארץ ישראל.

ווארום ס'איז דאך מוכרח זאגן אז אויך די לוויים זיינען געווען אין חטא המרגלים, ווארום דער אויבערשטער האט דאך געזאגט צו משה ואעשה "אותך" לגוי גדול, בלויז משה, און אויב מיר זאלן זאגן אז די לוויים האבן אויך ניט געזינדיקט האט דאך דער אויבערשטער געדארפט זאגן אז אויך די לוויים וועלן ווערן פאר א גוי גדול, מוז מען דאך זאגן אז אויך זיי זיינען געווען אין דעם חטא און דערפאר איז דוקא "אותך" וועל איך מאכן פאר א גוי גדול.

(על זה הי' שאלה מא', הרי גם לגבי העגל כתוב ואעשה אותם, ושם הרי בודאי הלויים לא חטאו, ועכצ"ל דאותך לאו דוקא הוא? וע"ז ענה: הקושיא על הענין ולא על השיחה, למה רצה הקב"ה - ולא המשחית - לכלות כולם, (וי"ל בכמה אופנים (דשאני ע"ז ועוד) וראה במדב"ר פ"ט נ"ד) הטובים עם הרעים, ויחל משה כו' מחל שלא יאבד את כולם (וראה במת"כ) כו' כנ"ל הקושיא על הכתוב ולא שייך להשיחה כלל. עכלה"ק. והי' עוד שאלה הרי גם לגבי המרגלים הלא כלב ויהושע לא חטאו וא"כ למה כתוב "אותך" דוקא, ולא כלב ויהושע, וע"ז ענה: וגם בזה י"ל בכמה אופנים ומהם דאטו כי רוכלא ליזיל ולחשוב אותך וכלב ויהושע, משא"כ בנוגע לשבט לוי (ושגם משה בכללם) הול"ל תמורת אותך - שבטך וכיו"ב, עכלה"ק).

ובמילא וויבאלד אז מ'מוז זאגן אז אויך זיי זיינען געווען בחטא המרגלים ווערט שווער פארוואס עפעס זאלן זיי ניט זיין אין די גזירה השופט כל הארץ לא יעשה משפט, ווארום דער ענין וואס פון זייער ויבכו העם בלילה ההוא איז ארויסגעקומען דעם בכי' לדורות, איז דאך געווען א ענין "מדה כנגד מדה" וויבאלד זיי האבן ממאס געווען בא"י זיינען זיי ניט אריינגעגאנגען, האט דאך דער ענין אויך געדארפט זיין ביי שבט לוי כנ"ל אז זיי זיינען אויך געווען אין דעם ויבכו כו'?

ווארום אין דעם וועט ניט זיין מספיק מסביר זיין אז דאס איז מצד לגיון של מלך, ווארום דאס האט ניט קיין שייכות, עס איז טאקע לגיון של מלך, אבער וויבאלד אז ויבכו כו' דארף זיין מדה כנגד מדה און זיי אויך כולל זיין אין די גזירה.

און דערפאר מוז רש"י דא קומען און ברענגען א צווייטען ענין, שהם שלי שלא חטאו בעגל, ווארום אויך ביי די אידן שטייט דאך אז דער עונש האט זיך גענומען מצד עוונותיכם לשון רבים צוויי עבירות (במדבר יד, לד וברש"י שם ד"ה ארבעים שנה. וראה שפ"ח כאן. המעתיק) וואס די צוויי עבירות זיינען חטא העגל און חטא המרגלים, דוקא מצד די בידע ענינים איז געווען דער עונש, משא"כ אבער די לוויים שלא חטאו בהעגל, האבן זיי דאך געהאט בלויז איין עבירה פון מרגלים, ובמילא דערפאר איז זיי ניט געקומען דעם עונש.

(ע"ד המבואר ביי קרח משל לבן מלך שסרח על אביו, פייס עליו אוהבו, פעם ושתים, ושלש, משא"כ ביים פערטן מאהל האט דער אוהב שוין ניט געוואלט גיין צום מלך (במדבר טז, ד וברש"י שם. המעתיק) און האט געזאגט שמא לא יקבל עוד ממני, וע"ד הענין פון עשרה נסיונות שבמדבר (אז יעדן מאהל וואס מען פאלט אדורך איז ערגער) ועד"ז דא, אז דורכדעם וואס ס'איז געווען צוויי עבירות סיי עגל, סיי חטא המרגלים, האט דאס צו געבראכט עס זאל ווערן דער גזירה, משא"כ די לוויים וויבאלד ביי זיי איז ניט געווען חטא העגל איז אויף זיי ניט געווען די גזירה).

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

און מיט ענין העגל האט זיך יעמאלט ארויסגעוויזן בגלוי דער אונטערשייד צווישן די לוויים און אלע אידן, וואס דערפאר כאפט מען דא ניט אן א ענין פון פריער אדער וואס וואלט געווען שפעטער ע"ד עבודת המשכן כו' אז דערפאר האבן זיי ניט געהאט די גזירה, ווארום ס'האט דאך געדארפט יעמאלט זיין בגלוי א אונטערשייד פון די לוויים מכל בנ"י, בכדי עס זאל ניט זיין שווער כנ"ל השופט כל הארץ לא יעשה כו' ס'דארף דאך זיין מדה כנגד מדה כו'.

און דאס ווייזט זיך ארויס דורך ענין העגל, ווארום ווי עס שטייט אז בשעת מ"ת פסקה זוהמתן, און ווי עס ברענגט זיך אין זהר אז בשעת חטא העגל איז צוריק חזרה זוהמתן (וואס דאס איז אלץ ניט געווען אזוי ווי קודם מ"ת וואס דערמיט ווערט פארענטפערט וואס אין גמרא שטייט פסקה כו' ביי מ"ת שטענדיק און אין זהר שטייט אז ביי עגל חזרה, ווייל אויך אט דאס וואס ביי עגל חזרה, איז דאס ניט געווען ווי פריער, און דאס האט מ"ת גע'פועל'ט און אוועקגענומען, און ווי מ'האט שוין אמאל גערעדט וועגן דעם) ובמילא איז דאך פארשטאנדיק וויבאלד אז די לוויים זיינען דאך בכלל ניט געווען אין דעם חטא העגל, אז ביי זיי איז קיינמאל ניט געווען דער חזרה כו' ובמילא איז דאך יעמאלט געווען קענטיק א אונטערשייד בגלוי צווישן די לוויים און אלע אידן, און דערפאר זיינען זיי ניט נענש געווארן בגזירת המרגלים.

ובמילא ווערט פארשטאנדיק די הדגשה אין רש"י שלא חטאו בעגל, ווארום דוקא דאס האט צוגעבראכט שלא נכנסו במנין כו'.

לפי"ז ווערט אבער שווער: אויב אזוי, וואס ואלט געארט אויב די לוויים ואלטן יא אריינגעגאנגען במנין בנ"י, סיי ווי וואלט זיי ניט אריינגעגאנגען אין די גזירה וויבאלד אז לא חטאו בעגל, און דוקא דורך די צווי ענינים האט געקענט זיין די גזירה כנ"ל.

נאר דא קומט די הדגשה אז דער מנין איז געווען "מבן עשרים שנה", וואס איז דער ענין פון עשרים שנה?

איז ווי עס קומט אויס אין פשטות הכתובים אז מבן כ' שנים כל יוצא צבא, ד.ה. פון צוואנציג יאר האט זיך אנגעהויבן דער ענין פון יוצא צבא, און ווי רש"י זאגט (א, ג) מגיד, ער לאזט הער, שאין יוצא בצבא פחות מבן עשרים.

וואס דער צבא האט מען געדארפט האבן צוליב מלחמה האלטן אויף אריינגיין אין ארץ ישראל, ווארום אויב צוליב יעמאלט אליין זיינען דאך געווען די ענינים וואס האבן זיי געהיט, ועד"ז קען מען ניט זאגן צוליב מלחמת עמלק, ווייל דאס איז שוין געווען פון פריער, נאר מ'מוז זאגן אז דאס איז געווען צוליב אריינגיין אין ארץ ישראל, איינעמען די ל"א מלכים, און ווי משה האט געזאגט אז מ'וועט זאגן מבלתי יכולת הוי' גו' (במדבר יד, טז וברש"י שם. המעתיק) אז נאר פרעה האט מען געקענט איינעמען אבער ניט די ל"א מלכים, און אויף דעם האט מען געדארפט האבן די צבא בכדי איינעמען די ל"א מלכים און אריינגיין אין ארץ ישראל.

און דערפאר, אויב די לוויים וואלטן אריינגעגאנגען אין דעם מנין מבן כ', וואלטן זיי געווען צבא, טאקע ניט אין א אופן פון מלחמה האלטן, נאר דורך טראגן דעם משכן, ווארום אין צבא איז דאך דא כמה ענינים, און זייער ענין בצבא וואלט געווען טראגן כו', ובמילא וויבאלד אז גזירת המרגלים איז געווען מדה כנגד מדה וואס זיי האבן ממאס געווען אין ארץ ישראל ובמילא האבן זיי ניט געדארפט אריינגיין, אדער כפשטות, וויבאלד זיי האבן מורא געהאט און ניט געוואלט מלחמה האלטן, ואלט דאך ניט געווען מיט וועמען צו גיין איינעמען, און דערפאר איז זיי געקומען די גזירה אויף ניט אריינגיין אין ארץ ישראל.

הנחה פרטית בלתי מוגה

די פחות פון בני כ', כאטש זיי האבן אויך געווליינט און ממאס געווען פונדעסטוועגן איז אויף זיי ניט געווען די גזירה, ווארום וויבאלד אז זיי זיינען ניט געווען אין צבא ארט ניט, און אויב ער וויל ניט גיין אין א"י שמייסט מען איהם וועט ער גיין, אבער ער איז ניט בגדר פון הירא ורך לבב אז זיי טארן ניט גיין אין מלחמה, וויבאלד ער איז דאך בכלל ניט אין מלחמה.

משא"כ לאחר כ' די וואס זיינען געווען אין צבא, אויב ער האט מורא און וויל ניט גיין מלחמה האלטן, טאר ער ניט גיין, און דאס פועל'ט, וויבאלד אז זיי האבן געווליינט און מורא געהאט, האט דאך ניט געקענט זיין א מלחמה, און דערפאר איז געקומען די גזירה זיי זאלן ניט אריינגיין.

משא"כ די לוויים, וואס דורך דערויף וואס זיי זיינען ניט אריינגעגאנגען במספר בן כ', ד.ה. זיי זיינען דאך בדוגמת פחות מבן כ' וועלכע זיינען ניט אין צבא, און ביי זיי כאטש אז זיי האבן געווליינט האט דאס גארניט געארט, וויבאלד זיי זיינען בכלל ניט אין צבא, ובמילא איז מובן, פארוואס ס'האט געדארפט זיין זיי זאלן ניט אריינגיין במנין כ' ווי רש"י איז מדגיש, בכדי זייער וויינען זאל גארניט פועל'ן כנ"ל און זיי זאלן קענען אריינגיין אין ארץ ישראל.

עפי"ז ווערט דאך אבער שווער פארקערט: אויב אזוי, אז מצד דעם וואס זיי זיינען ניט אריינגעגאנגען אין מספר זיינען זיי געווען בדוגמת פחות מבן כ' און זייער וויינען האט גארניט אויפגעטאן, אז מצד דעם זאל אויף זיי ווערן די גזירה כנ"ל, נאכוואס איז נוגע שלא חטאו בעגל, ס'דארף דאך זיין עוונותיכם, ביידע ענינים, אויב עגל אליין איז ניט מספיק?

דער ביאור אין דעם: וויבאלד אז אויף רוב אידן איז נגזר געווארן די גזירה וואלט ניט געהאלפן דעם ענין אליין שלא נכנסו במספר כו', נאר זיי וואלטן אריגעגאנגען אין רוב, נאר וויבאלד אז לא חטאו בעגל, (איז געווען ניכר בגלוי א אונטערשייד) זיינען זיי ניט נגזר געווארן. (ואחדים זכרים: ע"ד הענין דפחות מכ' אע"פ שלא היו בצבא מ"מ נכנסו ביחד עם הרוב ולא נכנסו לארץ, עד"ז בהנוגע ללוויים, באם לא הי' הענין שלא חטאו, היו בדוגמת אלו הפחותים מכ' והיו נכנסים ברוב בהגזירה, וע"ז צריכים הענין שלא נכנסו להעגל).

עפי"ז ווערט פארשטאנדיק פארוואס פריער זאגט רש"י לגיונו, און דערנאך דער ענין שלא נכנסו להעגל, כנ"ל, עס בלייבט נאך אבער שווער, נאכוואס מוז מען דא האבן די צוויי פשטים אין פשש"מ און איינער אליין איז ניט מספיק?

דער ביאור אין דעם איז: אויפן ערשטן פשט איז שווער, ווי כנ"ל אז די לוויים האט מען יא געציילט אזוי ווי אלע אידן - נאר באזונדער - און מ'מוז אויסטייטשן בדרך כלל ופרט, וואס דאס איז זייער שווער דא איינלערנען אין פשטות הכתובים, און פון דעם וואס עס שטייט לא תפקוד איז משמע אז מ'האט זיי אינגאנצן ניט געציילט, און דערפאר מוז מען האבן דעם צווייטן פשט, אז אמת טאקע מ'האט זיי ניט געציילט - ווי אלע אידן כנ"ל - כפשטות המשמעות פון לא תפקוד.

דער צווייטן פשט אליין איז ניט מספיק: א) רש"י אין פשוטו של מקרא האט אליין אויסגעטייטשט אז דער מנין איז פארבונדן להודיע חבתן, למעליותא, און דא קומט אויס פארקערט אז דורך מספר האט זיך געצומען די גזירה, בשלמא אין מדרש, וואס דארטן ברענגט ער אראפ צוויי ענינים אין מספר, איינער לחסרון ע"ד ווי עס שטייט ישרא פרעה את ראשך, און איינער למעליותא, איז ניט שווער, ווארום עס קאן דאך טאקע זיין אז מספר זאל זיין לחסרון, און דערפאר ברענגט טאקע דער מדרש דאס פאר דעם ערשטן פשט, וויבאלד ער איז מער אין פשטות כו', משא"כ רש"י וואס האט אויסגעטייטשט אין פשש"מ אז דאס איז בלויז למעליותא ווערט דא שווער אז עס קומט אויס פארקערט.

ב) נאך דעם פשט, איז שווער דעם המשך בכתובים פון דעם צווייטן פסוק ואתה הפקד את הלוויים על משכן כו', ווארום וואס פארא שייכות האט דאס צו פריער שלא

חטאו בהעגל, משא"כ לויטן ערשטן פשט איז פארשטאנדיק, ווארום דא קומט ער מסביר זיין מיט וואס הייסען די לוויים לגיון של מלך, מיט דעם וואס הפקד את הלוויים על משכן כו'.

און דערפאר טאקע ברענגט רש"י לגיון של מלך דעם ערשטן פשט, ווארום ער איז קרוב יותר אל הפשט, כנ"ל מצד די צווי ענינים (ווארום נאכן צווייטן פשט איז ניט נוגע ואתה הפקד, עס דארף נאר שטיין נתונים נתונים לי כו' וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז שלי הם).

און דערפאר ברענגט רש"י בלויז אראפ די ווערטער פון התחלת הפסוק און ניט דעם סיום בתוך בנ"י, וויבאלד אז רש"י בעיקר איז שווער דעם לא תפקוד, און אויף דעם ברענגט ער די צווי פירושים.

מכל הנ"ל ווערן פארשטאנדיק אלע ענינים, פארוואס רש"י מוז האבן ביידע פשטים, און נאכן צווייטן פשט מוז רש"י זאגן שלא חטאו בעגל, און פונדעסטוועגן דער ערשטער פשט איז יותר קרוב לפשש"מ, און דא קומט אויך ארויס ביינה של תורה כמו שיתבאר לקמן.

ה. באמת זיינען דא אין די רש"י נאך דיוקים, א) פארוואס ברענגט רש"י שלי הם, און איז זיך ניט מסתפק מיט שלא חטאו בהעגל?

ב) וואס איז נוגע וואס זיי זיינען ניט געציילט געווארן, לכאורה מצד דעם אליין וואס לא טעו בהעגל, איז מספיק אז די גזירה זאל ניט זיין אויף זיי?

ג) און וואס איז די גאנצע אריכות אין רש"י צפה הקב"ה עס וועט זיין א גזירה כו' לכאורה האט ער געדארפט זאגן בקיצור בכדי זיי זאלן אריינגיין אין ארץ ישראל?

דער ביאור אין דעם איז: וואס דאס איז פארבונדן מיט פסח, וואס ביי פסח געפינט מען כי פסח הוי' על הבתים כו', וואס אין דעם איז געווען א ספעציעלער טובה פון דעם אויבערשטן שפסח הוי' כו'.

ולכאורה איז ניט מובן: וואס איז דא אזוי גרויס די טובה שפסח הוי', לכאורה איז די גזירה געווען בלויז מערניט אויף די מצריים, איז וואס איז דא אזוי דער וואונדער ולא יתן המשחית כו' מצד כי פסח.

נאר דער ענין אין דעם איז, ווי עס שטייט ולא יתן המשחית כו' ווייל כיון שניתן רשות למשחית איז ער שוין ניט מחלק, און פאראַרבט יעדערן (ב"ק ס, א), און וויבאלד עס איז דא פון איין זייט א בית מצרי, און אויך פון צווייטען זייט, קען ער אויך שאטן אין דעם בית של ישראל וואס איז צווישן.

און אין דעם זאגט מען די חסדי ה' אז פסח הוי' על הבתים, און ויסגעלאזט די אידן, און דאס קען זיין דוקא דורכדעם וואס פסח "הוי'".

ועד"ז וועט מען אויך פארשטיין בנוגע צו גזירת המרגלים, ווארום אפילו זיי האבן ניט געזינדיקט אין דעם עגל, איז דאך אבער כיון שניתן רשות למשחית וואלט ער דאך דאס געקענט פועל'ן אויך אויף זיי - די לוויים - ובמכ"ש פון מצרים (וואס אפילו פון א איד מיט א גוי להבדיל, וואלט ניט געווען קיין חילוק, כ"ש אין אידן גופא, וואלט זיכער ניט געווען קיין חילוק און אויך די לוויים וואלטן אריינגעגאנגען אין דער גזירה.

און דערפאר זאגט רש"י והם "שלי" ד.ה. דאס איז בדוגמת פון פסח "הוי'" און דערפאר האט די גזירה ניט אנגערירט די לוויים, פארוואס זיינען זיי שלי, ווייל לא טעו בעגל, ניט נאר וואס לא חטאו, נאר אויך לא טעו, זיי האבן לכתחילה ניט געהאט א נתינת מקום אויף ענין העגל (ע"ד ווי עס איז דאך דא "נעשה" לשון רבים, וואס יש מקום לטעות, משא"כ די לוויים לא "טעו" ניט נאר שלא חטאו, נאר אויך ניט געהאט א נתינת מקום).

און דא קומט אויך רש"י און איז מדגיש "צפה הקב"ה שעתידה לעמוד "גזירה"

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

און מ'האט דער נתינת כח מיוחדת דערפון וואס מ'שטייט אין ב' סיון, און דאס בנוגע הענין שהזמן גרמא, די הכנות צו מ"ת.

און דאס איז אויך יום השבת, און אויך שנת השמיטה, מיט שאר הענינים וואס מ'האט פריער אויסגערעכנט.

איז דאך דאס א זמן הכושר צו טאן אין "והשיב לב אבות על בנים".

און דאס וועט ברענגען אליהו הנביא, מבשר הגאולה, און משיח צדקנו אליין, און אין אופן פון "זכו בעתה אחישנה" בזריזות, במהרה בימינו ממש.

* * *

**טז.** מאמר (כעין שיחה) ד"ה שאו את ראש גו' לגולגלותם.

* * *

**יז.** ס'איז דאך רגיל אפלערנען א פירוש רש"י פון פרשת השבוע, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו, או אין די שבתות וואס מ'לערנט פרקי אבות - אויך א משנה פון דעם פרק וואס מ'לערנט אין דעם שבת.

ובפרט אז מ'שטייט אין דעם שבת פאר שבועות, זמן מתן תורתנו, וואס דעמאלט לערנט מען דעם זעקסטן פרק, וואס איז צוגעלייגט געווארן צו פרקי אבות, און דאס ווערט אנגערופן "קנין תורה".

איז דאך דאס גופא וואס דאס ווערט אנגערופן "קנין תורה" מדגיש די שייכות צו מ"ת.

ובפרט לויט די ביאורים אין מעלת ענין הקנין, כמבואר בכ"מ אז ס'איז דא "ברוך עושך", און "ברוך יוצרך", און "ברוך בוראך", און די העכסטע דרגא איז - "ברוך קונך", ועד"ז איז מען מבאר די מעלה פון "חמשה קנינים", און "שלשה קנינים", ועוד כמה ענינים וואס מ'איז מבאר אין הפלאת ענין הקנין.

און דא זאגט מען אז אין דעם שבת פאר מתן תורה, לערנט מען "קנין תורה".

וואס דערפאר איז דאס זיכער א דבר נכון צו אפלערנען א משנה פון "קנין תורה".

און ווייבאלד אז מ'רעדט וועגן קינדער - איז אויך מתאים צו מבאר זיין די שייכות פון די ענינים (פרש"י, הערות לזהר, און פרקי אבות) צו קינדער.

**יח.** אין פרש"י אויפן פסוק (פרשתנו יד, טו) "מבן חודש ומעלה" איז גלייך מודגש די שייכות מיט קינדער, ווי גערעדט פריער בארוכה.

וואס רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער "מבן חודש ומעלה", און איז מפרש: "משיצא מכלל נפלים הוא נמנה ליקרא שומר משמרת הקודש".

דארף מען פארשטיין: ס'איז דאך כלפי שמיא גליא צי דער קינד וועט זיין א נפל צי ניט.

ובפרט בענינו, וואס רש"י שרייבט בפירוש (אין דעם קומענדיקן פסוק (שם, טז)) אז דער מנין איז געווען דורך דעם אויבערשטן אליין "ע"פ ה'" -

האט זיי דער אויבערשטער געקענט ציילן גלייך ווען זיי זיינען געבארן געווארן (אלידער "מבן הודש"), ווארום כלפי שמיא גליא צי זיי וועלן זיין נפלים צי ניט?

איז דער ביאור בזה [נוסף לזה וואס "אין סומכין על הנס"] באווארנט רש"י אליין:

דער ציווי צו ציילן די לויים איז געווען צו משה ע"ד ווי דער ציווי צו ציילן שאר בנ"י, אבער בשעת משה האט געהערט פון דעם אויבערשטן אז ער דארף ציילן די לויים "מבן חודש ומעלה", איז רש"י מפרש אז "אמר משה לפני הקב"ה, היאך אני נכנס לתוך אהליהם לדעת מנין יונקיהם, א"ל הקב"ה עשה אתה שלך ואני אעשה שלי, הלך משה ועמד על האהל והשכינה מקדמת לפניו ובת קול יוצאת מן האוהל ואומרת כך וכך תינוקות יש באוהל זה כו'".

וואס וויבאלד אז דער ציווי איז לכתחלה געווען אז משה דארף זיי ציילן דערפאר שטילט אז מ'זאל זיי ציילן נאר "מבן חודש ומעלה", ווארום משה קען דא פריער ניט וויסען צי זיי וועלן זיין נפלים אדער ניט.

און דערנאך ווען משה האט געזאגט אז ער קען זיי ניט ציילן, און דער אויבערשטער האט זיי בפועל געציילט - האט מען ניט משנה געווען פון דער אופן המנין ווי דאס האט לכתחלה געדארפט זיין, "מבן חודש ומעלה".

**יט.** דער פסוק "פקוד את בני לוי לבית אבותם למשפחותם כל זכר מבן חודש ומעלה תפקדם" קומט בהמשך צו א פסוק פריער בפרשתנו אין קאפיטל א פסוק מט, וואס דארטן שטילט אז נאך דערויף וואס דער אויבערשטער האט געזאגט משה'ן אז ער זאל ציילן אלע אידן, האט ער אים געזאגט: "אך את מטה לוי לא תפקוד ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "אך את מטה לוי לא תפקוד" און זאגט: "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו, דבר אחר צפה הקב"ה שעתידה לעמוד גזירה על כל הנמנין מבן עשרים שנה ומעלה שימותו במדבר, אמר אל יהיו אלו בכלל לפי שהם שלא טעו בעגל".

וואס אין דעם פרש"י האט מען שוין אמאל גערעדט, און איצטער וועט מען זיך שטעלן אויף א שאלה וואס מ'האט דעמאלט ניט גערעדט.

רש"י ווייסט דאך (כאטש אז דער בן חמש למקרא ווייסט דאס נאך ניט) אז שפעטער וועט שטיין "פקוד את בני לוי גו' כל זכר מבן חודש ומעלה" - איז פארוואס זאגט ער דא אז דער טעם פארוואס מ'האט געציילט לוי באזונדער איז דערפאר וואס "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו" - ער האט געדארפט זאגן אז דאס איז בפשטות דערפאר וואס שבט לוי ציילט מען "מבן חודש ומעלה", קען מען זיי ניט ציילן צוזאמען מיט שאר בני ישראל וואס זיי ציילט מען "מבן עשרים שנה ומעלה"?

אויך דארף מען פארשטיין:

א) וואס זאגט רש"י אין דעם צווייטן פירוש אז מ'האט שבט לוי ניט געציילט מיט אלע אידן דערפאר וואס "צפה הקב"ה שעתידה לעמוד גזירה על כל הנמנין מבן עשרים שנה ומעלה שימותו במדבר, אמר אל יהיו אלו בכלל לפי שהם שלא טעו בעגל" - ממה נפשך: אויב "לא טעו בעגל" וועלן זיי דאך ניט שטארבן אפילו אויב מ'וועט זיי ציילן?

ב) פארוואס זאגט רש"י צוויי פירושים?

ג) אין פסוק שטייט נאר "את מטה לוי לא תפקוד" ד.ה. אז מ'זאל זיי ניט ציילן - און פון וואנעט נעמט רש"י צו זאגן (אין דעם ערשטן פירוש) "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו", אז מ'האט זיי יע געציילט (נאר געציילט באזונדער)?

און אע"פ אז עס שטייט דערנאך אין פסוק "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל", וואס דערפון איז משמע אז "בתוך בני ישראל" "את ראשם לא תשא", אבער בפ"ע זאל מען זיי יע ציילן -

איז אבער רש"י ניט מעתיק די ווערטער פון פסוק, און אפילו ניט מרמז דערצו. מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

**כ.** אין די הערות אויף זהר פון פרשה זו, איז דא נאר איין קורצע ציון צו דעם וואס ער שרייבט במקום אחר אין די הערות אויף זהר:

ער שטעלט זיך (בלקוטי לוי"צ לזח"ג ריש ע' שנג) אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר (ח"ג קכ, ב) "עאל לבי כנישתא מעטר בטוטפי", ד.ה. אז פריער טוט מען אן די תפילין און דערנאך דעם טלית.

וואס לכאו' איז דאס ניט פארשטאנדיק: דער סדר דארף דאך זיין "מעלין בקודש", אז פריער זאל מען אנטאן דעם טלית און ערשט דערנאך תפילין, ווי עס שטייט אין שו"ע (אויך אין שו"ע אדה"ז) - איז ווי זאגט ער דא אין זהר א סדר הפוך (און ווי עס פרעגן מפרשי הזהר)?

ציילכנט אן דער טאטע אין די הערה אויף דעם: "עיין מה שנרשם בס"ד לעיל בפ' קדושים דפ"א ע"א".

וואס דארטן אין זהר (אין פ' קדושים) שטייט אויך (אזוי ווי עס שטייט אין זהר בפרשתנו) אז "דכד ב"נ אנח תפילין ואתחפי בכסויי דמצוה", פריער הנחת תפילין און דערנאך הנחת הטלית.

איז ער דארטן מבאר אין די הערות: "ויל"ל ואתחפי בכסויי דמצוה, אין הכוונה על הנחת הטלית (כי באמת הנחת הטלית צ"ל קודם הנחת תפילין) אלא מה שמכסה את התפילין אחר שהניחם בהטלית כמ"ש במ"ח מס' הנחת תפילין פ"ב סוף משנה ט' ע"ש".

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם וואס שטייט אין זהר פרשתנו, אז "עאל לבי כנישתא מעטר בטוטפי" רעדט זיך (ניט וועגן הנחת תפילין און הנחת טלית נאר) וועגן דעם וואס נאכדעם וואס מ'טוט אן די תפילין, "עאל לבי כנישתא", פארדעקט מען דאס (במקצת) מיט דעם טלית.

ער איז אבער ניט מבאר אין די הערות די שייכות פון דעם צו קינדער.

וכידוע אז מ'דארף לעבן מיט דער חלק פון תורה וואס מ'לערנט אין דער צייט וואס מ'לעבט דעמאלט, במילא דארף מען ארויסנעמען הוראות פון דעם זהר בפרשתנו און די הערות בנוגע צו קינדער וואס וועגן זיי קאכט מען זיך אין די צייט.

וכפי שיתבאר לקמן.

**כא.** אין פרקי אבות וואס מ'לערנט דעם שבת (פ"ו) איז אויך דא די הדגשה בנוגע צו קינדער: אין מ"ח זאגט ר' שמעון בן יהודה משום רבי שמעון בן יוחאי ח' דברים וואס זיינען "נאה לצדיקים ונאה לעולם", און דער לעצטער זאך וואס ער רעכנט אויס איז "הבנים".



הנחה פרטית בלתי מוגה

ובמבואר אין הל' ת"ת פון דעם אלטן רבי'ן די אלע דינים אין תורה וואס מיידעלעך זיינען מחוייב לערנען: וועגן אלע מצות לא תעשה, וועגן אלע מצות עשה שלא הזמן גרמא, ועד"ז וועגן פסח (אע"פ וואס דאס איז א מ"ע שהזמן גרמא), און וועגן שבת, וואס "זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו".

און עד"ז זיינען זיי מחוייב לערנען חסידות, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז אויך אינגעלעך און מיידעלעך פאר בר מצוה און פאר בת מצוה, זאלן אויך לערנען חסידות.

ווארום דורך לערנען חסידות קומט מען צו אהבת ה' ויראת ה', וואס זיי זיינען מצוות פון די "שש ערי מקלט", וואס "חיובן תמידי כו'".

און ווי דער רמב"ם זאגט (הל' יסוה"ת פ"ב ה"ב): "והיאך היא הדרך לאהבתו ויראתו בשעה שיתבונן האדם כו' חכמתו כו' לידע כו'", כידוע אז דער רמב"ם איז דערמיט מרמז אויף חכמה, בינה און דעת.

כו. ויהי"ר אז קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, אומעטום, ובלשון פון רשב"י "רבי' דעלמא", זאלן מפיץ זיין פנימיות התורה און תורה בכלל, ועד"ז מפיץ זיין קיום המצוות בהידור, ועאכו"כ קיום המצוות בכלל, און דאס וועט נאכמער צוהיילען ביאת משיח צדקנו, בעגלא דידן.

* * *

כז. דער ביאור אין פירוש רש"י: רש"י איז ניט מעתיק פון פסוק די ווערטער "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל" - ווארום גלייך ווען דער בן חמש למקרא לערנט אין פסוק אז "אך את מטה לוי לא תפקוד" ווערט ביי אים א שטורעם'דיקע קשיא:

ער האט פריער געלערנט אין רש"י (פרשתנו א, א) אז דער ענין פון מנין באווייזט אויף א חיבה צו די וועלכע מ'ציילט, "מתוך חיבתן לפניו מונה אותם בכל שעה", ועאכו"כ אויב ער געדיינקט וואס ער האט געלערנט אין פ' שמות,

און ער ווייסט דער עילוי פון שבט לוי, ובפרט ווי ער האט געלערנט אין פ' ויחי (נ, יג) אז יעקב האט געזאגט "לוי לא ישא (ארון יעקב) שהוא עתיד לשאת הארון", און אין פ' שמות וועגן די "בתי כהונה כו'" -

איז פארוואס "את מטה לוי לא תפקוד"?!

דערפאר דארף רש"י גלייך זאגן דעם בן חמש למקרא, איידער ער לערנט עפעס ווייטער, אז מ'ציילט טאקע אויך שבט לוי, נאר "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו".

און רש"י דארף ניט אנקומען צו דעם וואס שטייט ווייטער אין פסוק "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל".

ואדרבה: פון דעם וואס שטייט ווייטער אין פסוק "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל", קען מען גאר אפפרעגען אז מ'האט בכלל געציילט שבט לוי - ווארום לכאו' איז ניט פארשטאנדיק פארוואס איז דער פסוק מכפיל און זאגט פריער "את מטה לוי לא תפקוד", און דערנאך נאכאמאל דער זעלבער ענין "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל" - עס האט נאר געדארפט שטיין דער צווייטער האלב פסוק וואלט מען אלץ פארשטאנען?

וואס דערפאר וואלט מען געקענט לערנען אז דער פסוק וויל דא זאגן צוויי פרטים: ערשטענס "את מטה לוי לא תפקוד", מ'זאל ניט ציילן שבט לוי, און דערנאך גיט דער פסוק צו "ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל" - ניט נאר וואס מ'זאל זיי

סתם ניט ציילן, נאר אפילו "בתוך בני ישראל", ווען מ'ציילט די אנדערע אידן "ואת ראשם לא תשא", זאל מען זיי אויך ניט ציילן.

וואס דערפאר ברייבגט רש"י ניט דעם צווייטן האלבן פסוק, נאר גלייך אויף "את מטה לוי לא תפקוד", זאגט ער זיין פירוש, אז "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו", ד.ה. אז מ'ציילט אויך שבט לוי, נאר מ'ציילט זיי באזונדער דערפאר וואס זיי זיינען "לגיון של מלך".

**כח.** עפי"ז וועט מען פארשטיין נאך א זאך: גלייך נאך דערויף וואס דער פסוק האט דא געזאגט אז "את מטה לוי לא תפקוד גו'", האט דער פסוק געדארפט ממשיך זיין ווי מ'האט בפועל געציילט שבט לוי, אז מ'האט זיי געציילט "מבן חודש ומעלה" וכו', און אעפ"כ איז דער פסוק מפסיק מיט אנדערע ענינים (דער תפקיד פון שבט לוי), און ערשט שפעטער קומט צוריק דער פסוק צו "מבן חודש ומעלה"?

עפי"ז וואס רש"י זאגט אויף "את מטה לוי לא תפקוד", אז "כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו" איז דאס פארשטאנדיק:

דער פסוק דא וויל ניט רעדן וועגן מנין שבט לוי, דער פסוק וויל רעדן וועגן מעלת שבט לוי אז זיי זיינען אנדערש פון אלע אנדערע אידן, נאר אין וואס דריקט זיך דאס אויס - אין דעם וואס מ'ציילט זיי באזונדער דערפאר וואס זיי זיינען "לגיון של מלך".

און נאך דעם וואס דער פסוק איז מקדים דער כללות הנקודה אין מעלת שבט לוי, אז זיי זיינען "לגיון של מלך" - איז דער פסוק ממשיך אין וואס באשטייט דער אנדערשקייט פון שבט לוי, וואס זיי זיינען "לגיון של מלך", און דער פסוק איז מאריך אין דער תפקיד פון שבט לוי אין דעם משכן, וואס דערפון זעט מען פארוואס שבט לוי איז "לגיון של מלך".

און נאך דעם וואס מ'ווייסט פארוואס שבט לוי איז "לגיון של מלך", דערציילט דער פסוק ווי מ'האט זיי געציילט בפועל, "מבן חודש ומעלה" וכו'.

**כט.** ווען מ'קומט צום פסוק "מבן חודש ומעלה תפקדם" שטעלט זיך די שאלה: די אלע ענינים וואס ווערן אויסגערעכנט אין פסוק בנוגע צו עבודת הלויים אין משכן איז דאך ניט שייך צו א קינד בן חודש - איז מיט וואס ווערן אויך די לוים "מבן חודש ומעלה" אנגערופן "לגיון של מלך"?

באווארנט דאס רש"י דערמיט וואס ער זאגט אויף "מבן חודש ומעלה": "משיצא מכלל נפלים הוא נמנה ליקרא שומר משמרת הקודש", ד.ה. אז דאס וואס א לוי "מבן חודש ומעלה" ווערט אנגערופן "לגיון של מלך" איז דאס דערפאר וואס ער איז "שומר משמרת הקודש".

איז אבער דאס גופא ניט פארשטאנדיק: מיט וואס איז א לוי "מבן חודש ומעלה" "שומר משמרת הקודש"?!

איז דער ביאור אין דעם: דער אופן ווי די לויים האבן שומר געווען אויפן משכן דערציילט דער פסוק פריער (פרשתנו א, נג) "והלוים יחנו סביב למשכן גו' (און דורך דערויף) ושמרו הלוים את משמרת משכן העדות".

וואס דער חנ' פון די לויים "סביב למשכן" איז געווען בא די קטנים ("מבן חודש" און נאך איבגער) פונקט אזוי ווי בא די גדולים.

ואדרבה: די קטנים זיינען געווען בעיקר די וואס זיינען געווען "יחנו סביב למשכן", ווארום די גדולים, די זכרים, זיינען דאך געגאנגען עובד זיין עבודתם במשכן, זיינען זיי דאך ניט געווען אין די אוהלים "סביב למשכן" ועד"ז די נקבות

זיינען דאך געגאנגען איינקויפן בא די אומות העולם די זאכן וואס מ'האט געדארפט האבן אין שטוב, במילא זיינען זיי אויך ניט געווען די גאנצע צייט אין די אוהלים "סביב למשכן" די איינציקע וואס האבן זיך געפונען אין די אוהלים "סביב למשכן" זיינען געווען די גאר קליינע קינדער וואס זיינען נאך בעריסן, ווארום זיי האבן ערגעץ ניט געקענט גיין.

קומט דאך אויס דאס וואס שטייט "והלוים יחנו סביב למשכן גו' ושמרו הלוים את משמרת משכן העדות" גייט בעיקר אויף די קטנים.

וואס דערפאר ווערן אויך ואדרבה - דוקא די לויים "מבן חודש ומעלה" אנגערופן "שומר משמרת הקודש".

ל. דערפון האט מען די הוראה בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט אז מ'זאל ברייגנען אויך די קינדער "מבן חודש ומעלה" צו קריאת עשרת הדברות בחג השבועות.

וואס עס זיינען דא אזוינע וואס טענה'ן: פארוואס זאל מען ברייגנען גאר קליינע קינדער צו קריאת עשה"ד, בשעת זיי פארשטייען ניט וואס דאס איז?

איז כמדובר כמ"פ, געפינט מען יעדער זאך בגלוי (אדער ברמז) אין נגלה דתורה - ועד"ז בענין זה איז דא א הוראה מפורשת אין תורה, און נאכמער - א מעשה רב:

עס שטייט (ירושלמי יבמות פ"א ה"ו) אויף ר' יהושע בן חנני', אז זייענדיק נאך א גאר קליין קינד אין וויגעלע, ב"עריסתו", פלעגט זיין מאמע - "אשרי יולדתו" (אבות פ"ב מ"ט) - ברייגנען אים אין בית המדרש הערן וואס מען לערנט "בשביל שיתדבקו אזניו בדברי תורה". "היתה אמו מולכת עריסתו לבית הכנסת" וואס ריב"ח נאך זייענדיק ב"עריסתו" האט זיכער ניט פארשטאנען וואס אביי און רבא און די תנאים וואס זיינען דעמאלט געווען האבן געלערנט.

ווארום ער איז דאך געווען בעריסתו, וואס דאס איז נאך פאר תינוק שמתחיל לדבר, וואס דאס איז צו צוויי יאר, ווי עס שטייט אין שו"ע, און א קינד בעריסתו איז זיכער אינגער פאר דעם, כמובן בפשטות.

אבער אעפ"כ האט זיין מאמע אים געבראכט הערן תורה אין ביהמ"ד, און דאס האט געהאט א פעולה אויף אים אויך דערנאך, ווי מ'זאגט אז "אשרי יולדתו" איז שבחו פון ריב"ח, ווייל דער הערן תורה וואס ער האט דעמאלט געהערט זייענדיק בעריסתו - האט בייגעטראגן, גע'פועל'ט אז ער איז דערנאך געווארן איינער פון די חכמים בדורו.

ביז אז ווען מען רעכנט אויס שבחו, אן עיקר'דיקן שבח (ווי בא ר"א בן הורקנוס - "בור סוד שאינו מאבד טפה") - איז דאס "אשרי יולדתו".

לא. וואס דאס איז בנוגע צו הערן תורה וואס מען לערנט, וואס הבנה והשגה איז אן עיקר ותנאי אין לימוד התורה - אז כאטש ער האט ניט פארשטאנען ליגנדיק בא זיך אין וויגעלע די תורה וואס ער האט געהערט - זאגט מען אבער אז דאס האט א פעולה אויף דעמאלט.

און דאס איז ניט קיין ענין פון "חוקה חקקתי גזירה גזרתי", אן קיין הסברה בדבר - נאר דאס איז ע"ד הידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט (לקו"ד כרך א כה, ב ואילך).

ועאכו"כ בנוגע צו הערן קריאת התורה, וואס אע"פ וואס לא ידע מאי קאמר - איז ער מקיים מצות ת"ת מדאורייתא ומדרבנן ולכתחלה, ער מעג און מוז מאכן ברכות התורה לפני' ולאחרי' וכו'.